**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/24/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הויבט אן מיט 34.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארבעסערן פארם איינריכטונגען ביי די פלאץ פון די ניו יארק סטעיט FAIR פעסטיוואל**

***פראיעקט רעכנט אריין נייע הערליכע גרינהויז צו שטיצן ניו יארקע פארמס***

***נייע שטאלן און עסנווארג בודקע צו ווערן געבויט צו פארזעצן פארבעסערונגען צו די סטעיט'ס גרעסטע פעסטיוואל***

***די אנהויב פון די קאנסטרוקציע קומט ביי די אנהויב פון די Great New York State Fair 2022 וועלכע צייכנט אפ די Fair'ס פולקאמע צוריקקער***

***ווייזט אן אויף שותפות'ן צו טרייבן פארם און עקאנאמישע אנטוויקלונג ביי קאונטי פעסטיוואלן ארום די סטעיט***

***נאציאנאלע 4-H קאונסיל באעהרט גאווערנער האקול מיט 4-H געשעצטע געוועזענע סטודענט מעדאל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון די פערטע שטאפל פון פארבעסערונגען אויף די פלאץ פון די ניו יארק סטעיט Fair פעסטיוואל, א 34.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארבעסערן פארם איינריכטונגען ביי די פלאץ פון די פעסטיוואל אין סירעקיוס. גאווערנער האקול האט געשניטן די ריבאן ביי א צערעמאניע פייערנדיג די עפענונג און פולקאמע צוריקקער פון די 2022 Great New York State Fair. די הויכפונקט פון דעם פראיעקט וואס איז שוין אונטערוועגס און וועט פארענדיגט ווערן אין 2025 איז א 1.5-אקער גרינהויז וואס וועט שטיין נעבן די אויסשטעלונג צענטער. דער פראיעקט רעכנט אויך אריין א נייע פארשטעלונג פלאץ פאר ציגעלעך, א נייע שאף שטאל און וואל צענטער, א נייע פערד שטאל, א נייע עסנווארג בודקע, פארשענערונגען צו די אויסקוק פון די גאס ביי Restaurant Row — די Fair'ס גאס פון פערמאנענטע עסנווארג געשעפטן, און אזוי אויך פארשידענע אינפראסטראקטור פארבעסערונגען.

"איך וואלט נישט געקענט זיין פרייליכער צו פייערן די פולקאמע צוריקקער פון אונזער ניו יארק סטעיט Fair היי יאר, און היינט בין איך באגייסטערט צו אנהויבן מיט כמעט 35 מיליאן דאלאר אין פארבעסערונגען וועלכע וועלן העלפן מאכן די Great New York State Fair אפילו נאך מער געוואלדיג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארבעסערונגען וואס מיר מאכן היינט וועלן ארויסווייזן און אונטערהייבן ניו יארק'ס אייגנארטיגע פארם אינדוסטריע, אזוי ווי מיר זעצן פאר צו צוציהען הונדערטע טויזנטע באזיכער פון ארום די לאנד צו די Fair יעדע יאר."

גאווערנער האקול'ס רעדע קומט נאך 'גאווערנער'ס טאג' די טראדיציאנאלע עפענונג טאג פון די Fair. זי איז אויך געשאנקען געווארן די 4-H געשעצטע געוועזענע סטודענט מעדאל, אן אנערקענונג וואס ווערט געגעבן פאר ערפאלגרייכע געוועזענע סטודענטן וועלכע האבן לעבנ'ס טוישנדע איינפלוס פון 4-H. גאווערנער האקול וואס האט אנטיילגענומען אין Cornell Cooperative Extension's 4-H פראגראם דורכאויס אירע קינדער יארן איז די ערשטע גאווערנער אין אפיס צו באקומען דעם מעדאל.

דער 34.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארבעסערן פארם איינריכטונען ביי די ניו יארק סטעיט Fair פלאץ רעכנט אריין:

**גרינהויז און גערטנער בילדונג צענטער**
די איין און א האלב ביז צוויי-אקער גרינהויז וועט זיין א הערליכע גלאזענע סטרוקטור איינריכטונג, ווען עס וועט פארטיג זיין, מיט טרייב קראפט פון סאלארישע פאנעלן און מיט א רעגן וואסער זאמלונג פילטער סיסטעם. עס וועט ערלויבן צו וואקסן אויפן ארט לאקאלע ניו יארקע פראדוקטן און צושטעלן עסן און בלומען צו גענוצט ווערן דורכאויס די Fair. די גרינהויז וועט אויך זיין א בילדונג צענטער, האבנדיג פלאץ פאר א קלאסצימער פאר סטודענטן און געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן צו אנטיילנעמען אין פארם דעמאנסטראציעס.

**שאף שטאל און וואל צענטער**
די 15,000-סקוועיר-פיסיגע שאף שטאל ערזעצט אן אלטע און געשעדיגטע סטרוקטור וואס איז שוין אראפגעווארפן געווארן זינט דאן. די שאף זענען געוויזן געווארן אין א טענט פאר די לעצטע צוויי יאר. די וואל צענטער איז אויסגעשטאבט מיט וואלונטירן וועלכע ערקלערן פאר די פובליק איבער וואל פראדוקטן און די באנוץ דערמיט.  א נייע צענטער ווט שטייט אינעווייניג יאן די שאף שטאל, ברענגענדיג די צוויי חלקים צוזאמען אונטער איין דאך צום ערשטן מאל. די נייע געביידע דארף זיך צו עפענען אין צייט פאר די Fair 2024.

**פערד שטאלן**
דריי 9,000-סקוועיר-פיסיגע שטאלן וועלן געבויט ווערן צו ווערן צוגעלייגט צו די Fair'ס עקזיסטירנדע, עלטערע שטאלן. ביי די Fair ווערן אפגעהאלטן פארשטעלונגען כמעט אויף וועכענטליכן אויפן אין די פרילינג, זומער און הערבסט, ווען די שטאלן ווערן גענוצט כמעט די גאנצע צייט. זיי זענען ערווארטעט צו געעפנט ווערן פאר די Fair 2024.

**ציגעלע דאך**
די 2,500-סקוועיר פיסיגע ציגן דאך (פאוויליאן) וועט יעצט לויפן אויף סאלארישע טרייב קראפט און דינען אלץ אן אפענע פלאץ פאר ציגעלע פארשטעלונגען, ערזעצנדיג צייטווייליגע איינריכטונגען. עס אז פלאנירט צו געעפנט ווערן אין 2023.

**עסנווארג געשעפט געביידע און Restaurant Row פארשענערונגען צו גאס**
א 1,600-סקוועיר-פיסיגע עסנווארג געשעפט בודקע וועט געבויט ווערן לענגאויס Cayuga Avenue אויפן פלאץ פון די Fair, די ערשטע אזא בודקע צו ווערן געבויט אין צענדליגע יארן. עס וועט זיין די היים פון Tully's Good Times, א לאנגיאריגע ראיאנישע רעסטוראנט און פאפולערע Fair געשעפט. פארבעסערונגען זענען אויך פלאנירט פאר די פלאץ פון די Fair'ס אנדערע פערמאנענטע עסן געשעפטן, Restaurant Row. עס וועט זיין נייע באלייכטונג און לענדסקעיפינג און אזוי אויך פארבעסערונגען צו אויסערוועהלטע געשעפטן.

די פארבעסערונגען בויען אויף מער פון 125 מיליאן דאלאר אין רענאוואציעס און נייע קאנסטרוקציע זינט 2015, וואס האט אפגעצייכנט די ערשטע באדייטנדע אינוועסטירונג אין די 132-יאר-אלטע Fair שטח אין

איבער 80 יאר. א פארעלטערטע הויפט בודקע געשעפט און נישט אויסגענוצטע רעיסינג טרעק זענען אוועקגענומען געווארן צו מאכן פלאץ פאר די פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג א פולע-סערוויס RV פארק וואו גאנץ-יאריגע געשעענישן קענען אפגעהאלטן ווערן און העלפט צוציהען נאציאנאלע-שטאפל געשעענישן, א מיטעלע וועג געבויט אויף א פעסטע יסוד וואס פארקלענערט די נויט פאר דראטן העכער די ערד וואס שטעלט א סכנה פון פאלן, נייע דרויסנדיגע פלאץ פאר פראגראמען און פארקינג, און די 110,000-סקווער-פיסיגע אויסשטעלונג צענטער — די גרעסטע אפענע שטח צו צפון פון ניו יארק סיטי צווישן באסטאן און קליוולאנד.

אנדערע פארבעסערונגען רעכענען אריין קאנסטרוקציע פון א נייע הויפט אריינגאנג, אויספלאסטערן די Fair'ס גרעסטע פארקינג לאט און קאנסטרוקציע פון א נייע אריינגאנג ראמפע צו די דערנעבנדע אינטערסטעיט הייוועי. טייל פון די Fair'ס אונטערהאלטונג זאלן זענען פארבעסערט געווארן און געסער זענען אויסגעגראדט געווארן, און באלייכטונג און שיינקייט פארבעסערונגען זענען געמאכט געווארן.

אין צוגאב צום אנאנסירן די נייע פארבעסערונגען פראיעקט, האט די גאווערנער אויך אנגעוויזן אויף פארשריט וואס איז געמאכט געווארן מיט איר [סעפטעמבער 2021] פלאץ צו ערמעגליכן מער צוזאמענארבעט צווישן פילע קאונטי פעסטיוואלן און 2022. די גאווערנער האט אנגעוויזן די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) צו אפשאצן די שטיצע, וואוקס און אויפלעבונג געלעגנהייטן פאר אלע פעסטיוואלן אין ניו יארק אזוי ווי די סטעיט גייט אריין אין די 2022 פעסטיוואל סעזאן. די אנאנס האט אויך אריינגערעכנט א באפעל צו ארבעטן מיט קאונטי פעסטיוואלן צו איבערקוקן וועגן וויאזוי צו פארמערן זייער מארקעטינג און פראמאָושען, און אזוי אויך געלעגנהייטן צו פארבעסערן יונגווארג און פארם פראגראמען איניציאטיוון ביי אלע פעסטיוואלן איבערן סטעיט, אריינרעכענענדיג די סטעיט Fair. די דעפּארטמענט האט אויך געארבעט אקטיווערהייט מיט די קאונטי פעסטיוואלן דעם יאר, אריינרעכענענדיג מיט די NYS פארבאנד פון פארם פעסטיוואלן (NYS Association of Agricultural Fairs) צו אהערשטעלן א פעסטע מארקעטינג און אדווערטייזינג פראגראם, שטופן די פעסטיוואלן איינער דעם אנדערן דורך פארשידענע קאמיוניקאציעס, אריינרעכענענדיג סאָושעל מידיע, און זיי וועלן אויך אפהאלטן א פאנעל דורכאויס די סעזאן ווען די פעסטיוואלן קומען שוין נישט פאר צו טרעפן נאך געלעגנהייטן צו וואקסן און שטופן פאר פארם פארמעסטן ביי די קאונטי פעסטיוואלן און ביי די ניו יארק סטעיט Fair.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "עס איז דא א לאנגע ליסטע פון זאכן וואס מאכן די Great New York State Fair די בעסטע פעסטיוואל אינעם לאנד — געוואלדיגע אונטערהאלטונג און ריידס, גוטע עסן און געטרייע באטייליגנדע, אבער עס איז די Fair'ס אנגייענדע קאנצעטראציע אויף פארמער וואס מאכט עס אייגנארטיג. גאווערנער האקול איז פון לאנג שוין איבערגעגעבן צו שטיצן אונזערע פארמער דא אין ניו יארק סטעיט, און איך קען נישט טראכטן פון א בעסערע וועג צו מיטטיילן אונזער געשיכטע מיט Fair באטייליגנדע ווי צו ארויסווייזן אונזערע פארמער ביי די ניו יארק סטעיט Fair מיט די באגייסטערנדע נייע פראיעקטן. מיט א נייע שאף שטאל און וואל צענטער, ציגעלע דאך, פערד שטאלן, און א נייע הערליכע גרינהויז אויפן האריזאנט, אינוועסטירן מיר אין די צוקונפט פון די אינדוסטריע און מיר לאדענען איין אונזערע באטייליגנדע צו לערנען ערשטהאנטיג איבער ניו יארק סטעיט פארמער."

**צייטווייליגער ניו יארק סטעיט Fair דירעקטאר שאן הענעסי האט געזאגט,** "עס איז אזא באגייסטערנדע צייט פאר די Great New York State Fair! זינט 1841 איז די Fair באקאנט געווען פארן ארויסווייזן די בעסטע פון ניו יארק'ס פארמערס. יעצט, א דאנק די גאווערנער'ס אינוועסטירונג און די קאמישאנער'ס איבערגעגעבנקייט, וועלן מיר קענען צוציהען נייע אויפמערקזאמקייט צו די פארמער אינדוסטריע דורכן ברענגען אונזער שאף שטאל און וואל צענטער, פערד שטאלן און ציגעלע דאך אריין אין די צוקונפט און פארמערן געלעגנהייטן צו אויפקלערן מענטשן דורכן אויפשטעלן א נייע גרינהויז און

בילדונג צענטער. מיר קענען נישט ווארטן פאר די באטייליגנדע צו זעהן די נייע צוגעקומענע זאכן, אנגעהויבן פון קומענדיגע יאר."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "די סטעיט Fair איז ניו יארק'ס גרעסטע באווייזונג און איז איינס פון די וויכטיגסטע פייערונגען. די אנגייענדע פארבעסערונגען צו די שטחים און איינריכטונגען וועלכע קומען פאר אין מערערע שטאפלען וועלן פארבעסערן די ערפארונג פאר באזיכער און עס איז אן אינוועסטירונג אין פארמער, אין די עקאנאמיע און אונזער ירושה. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פאר די Fair און איך בין דאנקבאר געווען צו קענען מיטהאלטן די ארבעט פון איר און איר מאנשאפט פון דעם ערשטן טאג."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "די Great New York State Fair איז איינס פון מיין באליבטע יערליכע טראדיציעס דא אין צענטראל ניו יארק, און איך בין אזוי באגייסטערט צו זעהן מער פארבעסערונגען ווערנדיג געמאכט צו די Fair שטחים. די פארם פראגראמען זענען א וויכטיגע טייל פון די באזיכער ערפארונג און היסטאריע פון די Fair, און די פארבעסערונגען פון די שטאלן און גרינהייזער וועלן פארברייטערן אויף די אוצר פון די סטעיט. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר געוואלדיגע עארבעט און פארן אונז צוזאמענברענגען פאר די אנאנס."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "די Great New York State Fair איז די בעסטע ווען די פארמער שטייען אין פארנט און אין צענטער, און איינמאל זיי וועלן פארענדיגט ווערן וועלן די באגייסטערנדע אינפראסטראקטור פארבעסערונגען זיכער מאכן אז באטייליגנדע קענען באקומען די ערפארונג פון די בעסטע פון ניו יארקע פארמס. די Fair איז א הויפט עקאנאמישע טרייב קראפט פאר אונזערע קליינע פארם ביזנעסער און די דארפישע קאמיוניטיס וואס שטיצן זיי, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן ארבעטן מיט די לעגיסלאטור צו אונטערהייבן זייער ארבעט דורך די אינפראסטראקטור פארבעסערונגען."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם ב. מאגנארעלי האט געזאגט,** "די Great New York State Fair איז א זומערדיגע טראדיציע אין צענטראל ניו יארק. די אינוועסטירונג אין די פארם איינריכטונגען איז א וועג צו היטן אויף די וויכטיגקייט פון די ווארצלען פון די געשעעניש בשעת'ן עס אויך מאכן פארגעשריטן און ציהענד צו היינטיגע באטייליגנדע."

**אסעמבלי מיטגלידערין פאמערלא דזש. האָנטער האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט Fair איז ווייטער א הויכפונקט פון די זומער פאר די וועלכע זענען אין צענטראל ניו יארק און די וועלכע פארן אהין פון יעדע ראיאן אין אונזער סטעיט. פאר פילע מענטשן איז די Fair די ערשטע באקענונג מיט ניו יארק'ס ברייטע אויסוואהל פון פארם פראדוקטן און סערוויסעס. די באדייטנדע אינוועסטירונג וועט ווייזן מער פון וואס ניו יארק'ס פארמער האבן צו אפפערן און באררייכערן די ערפארונגען פון באטייליגנדע פאר פילע צוקונפטיגע יארן."

**אסעמבלי מיטגליד אלבערט א. סטירפ, דזשוניאר האט געזאגט,** "זייענדיג א באליבטע יערליכע טראדיציע, איז די ניו יארק סטעיט Fair א וואונדערבארע טוריסט אטראקציע וואס ציהט צו באזיכער פון ארום אונזער גאנצע געוואלדיגע סטעיט און נאך ווייטער. דער אינפראסטראקטור פארבעסערונג פראיעקט וואס איז יעצט אונטערוועגנס וועט אן א ספק העלפן ארויסווייזן אונזער ראיאן'ס פארם אינדוסטריע און פארשטערקערן לאקאלע ביזנעסער. מיין פאמיליע און איך האבן באזוכט די סטעיט Fair כמעט יעדע יאר צו געניסן פון אלעס וואס צענטראל ניו יארק האט צו אפפערן, און היי יאר איז נישט געווען קיין אויסנאם. איך קוק ארויס אייך צו זעהן דארט!"
**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "עס דערפריידט מיר אז די גאווערנער, צוזאמען מיט מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור, האבן געשטיצט די גאר-נויטיגע פארבעסערונגען צו די

סטעיט Fair. דאס וועט אונז ערלויבן ארויסצוווייזן אלעס וואס ניו יארק סטעיט פארמער האבן צו אפפערן, בשעת'ן אויך מאכן א בעסערע און זיכערערע ענווייראמענט פאר די חיות. ניו יארקער קענען זיין שטאלץ פון אונזער לאנגיאריגע פארם היסטאריע, אונזער לעבעדיגע עסן עקאנאמיע און די ערשט-קלאסיגע פארשונג וואס ווערט דורכגעפירט אין Cornell אוניווערסיטעט."

**אָנאָנדאַגאַ קאַונטי עקזעקיוטיוו מעקמעהאן האט געזאגט,** "אָנאָנדאַגאַ קאונטי איז שטאלץ צו זיין די היים פון די Great New York State Fair, און מיט די לעצטע אינוועסטירונגען וועט די Fair בלויז בעסער ווערן. און פונקט אזוי וויכטיג — וועלן די לעצטע פארבעסערונגען ארויסווייזן די וויכטיגע און פארשידנארטיגע פארם עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט. א דאנק פאר ניו יארק סטעיט פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו מאכן די ניו יארק סטעיט Fair שטחים בעסער יעדע יאר."

**סירעקיוס מעיאר בען וואלש האט געזאגט,** "פייערן און שטיצן פארמער איז אין די צענטער פון די ניו יארק סטעיט Fair. די Fair'ס פארם פראגראמען און אטראקציעס ציהען צי פאמיליעס און ביזנעסער פון אלע עקן פון די סטעיט צו לערנען און ארויסווייזן די בעסטע פון די אינדוסטריע. איך באדאנק גאווערנער האקול און די גאנצע ניו יארק סטעיט Fair מאנשאפט פארן פארזעצן צו אינוועסטירן אין און פארבעסערן די Fair'ס פארם איינריכטונגען."

די היי יאריגע Fair צייכנט אפ א פולשטענדיגע צוריקקער פאר די לאנד'ס ערשטע און עלטעסטע סטעיט פעסטיוואל. דורכאויס די הויכפונקט פון די פאנדעמיע אין 2020, איז די Fair אפגערופן געווארן צום ערשטן מאל זינט עס איז פארמאכט געווארן און גענוצט געווארן אלץ א טרענירונג באזע פאר די מיליטער דורכאויס דעם צווייטן וועלט קריג. די Fair איז צוריק געעפנט געווארן אין 2021 מיט באגרעניצונגען צוליב די אנגייענדע פאנדעמיע, אבער היי יאר וועלן אלע געביידעס זיין אפן, און די געווענטליכע צאל פון בערך 10,000 חיות וועלן זיין אויף אויסשטעלונג און אין פארמעסטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418